# New York State
# Emergency Rental Assistance Program

די ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענטעל הילף פראגראם (Emergency Rental Assistance Program, ERAP) וועט צושטעלן באדייטנדע עקאנאמישע הילף צו העלפן משפחות וואס האבן נידעריגע אדער מיטלמעסיגע איינקונפט און זענען אין געפאר פון ווערן היימלאז אדער פון נישט האבן א זיכערע היים דורכן צאלן רענט וואס האט שוין געדארפט צו געצאלט ווערן, צייטווייליגע רענט הילף און הילף מיט יוטיליטי בילס וואס האבן שוין געדארפט צו געצאלט ווערן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט otda.ny.gov/erap.

## איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט זענען בארעכטיגט פאר ERAP רענט הילף אויב:

- די סך הכל איינקונפט (גראָוס אינקאָם) פון די הויזגעזונד איז אזויפיל אדער ווייניגער פון 80 פראצענט פון די געגנט'ס דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income, AMI). די איינקונפט באגרעניצונגען טוישן זיך לויט די קאַונטי און לויט די גרויסקייט פון די הויזגעזונד. א הויזגעזונד קען זיין בארעכטיגט באזירט אויף יעצטיגע איינקונפט אדער אויף די איינקונפט פון די לוח יאר 2020 וואס איז אזויפיל אדער אונטער 80 פראצענט פון AMI.

און

- אנגעהויבן פון מערץ 13, 2020 און נאכדעם האט א מיטגלידער פון די הויזגעזונד באקומען אָנעמפּלאָימענט בענעפיטן **אדער** האט געהאט א פארמינערונג אין זייער איינקונפט, געדארפט באצאלן גרויסע אויסגאבן אדער אריבערגעגאנגען פינאנציעלע שוועריקייטן, דירעקט אדער אומדירעקט, צוליב די קאָוויד-19 מגיפה.

און

- דער אַפּליקאנט דארף באצאלן רענט ביי זייער עיקר וואוינונג און האט רענט חובות ביי זייער יעצטיגע וואוינונג פאר רענט וואס האט געדארפט געצאלט ווערן פון מערץ 13, 2020 אדער נאכדעם.

משפחות וואס זענען בארעכטיגט פאר הילף מיט רענטעל חובות קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר הילף מיטן באצאלן יוּטיליטי חובות פאר די דירה פאר וועלכע די רענט ווערט באצאלט.

באצאלונגען וועלן געמאכט ווערן דירעקט צו די לענדלארד/אייגנטימער פון די פּראַפּערטי און צו די יוּטיליטי פירמע פאר די טענאנט. טענאנט אַפּליקאנטן וועלן איינגעמעלדן ווערן איבער די סכום וויפיל עס איז באצאלט געווארן פאר זיי. אויב עס איז שווער צו טרעפן א לענדלארד אדער אויב עס ווערט נישט איבערגעגעבן גענוג אינפארמאציע וואס פעלט זיך אויס צו פארענדיגען די אפליקאציע, פאָנדס וועלן געהאלטן ווערן פאר 180 טעג צו גיבן גענוג צייט צו טרעפן די לענדלארד און אויך צו זאמלען די פארלאנגטע אינפארמאציע כדי צו קענען צושטעלן די שוץ פאר די טענאנט און זיכער מאכן אז די לענדלארד נעמט אנטייל אויף די מאקסימום פארנעם.

NEW YORK STATE | Office of Temporary and Disability Assistance